השלמה משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך וויען

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת נשא ב' שנת תשפ"ג לפ"ק**

### בסעודת ברית מילה של בני הר"ר אברהם יצחק קיש הי"ו

יום ה' פרשת נשא ב' תשפ"ג לפ"ק

**די** וואך אין די פרשה איז די מצוה פון ברכת כהנים. כה תברכו את בני ישראל אמור להם, די כהנים זאלן בענטשן יודען, יברכך ה' וישמרך (במדבר ו-כד), די ערשטע ברכה איז, אז דער אייבערשטער זאל אפהיטן יודען. און ער ענדיגט, ושמו את שמי על בני ישראל, זיי זאלן לייגן מיין נאמען אויף יודען, ואני אברכם, און דער אייבערשטער וועט זיי בענטשן. ואני אברכם גייט ארויף אויף יודען, און עס גייט אויך ארויף אויף די כהנים, עס איז אויך דא א ברכה פונעם אייבערשטן אויף די כהנים.

**עס** קען זיין לעניננו, מען ברענגט צו פונעם זוהר הק' (תיקון כב סו.) אז ווען מען מל'ט א קינד, לייגט מען ארויף א קדושה אויפן קינד מיט דעם אות ברית קודש. וואס איז די קדושה וואס א קינד באקומט? אז עס לייגט אויף אים צוויי שמות פונעם אייבערשטען, איינס לייגט אינדרויסן פון אים, און איינס איז אינעווייניג אינעם קינד. עס איז דא צוויי שמות פונעם אייבערשטן, דער שם הוי"ה, און נאכדעם איז דא דער שם שד-י, די צוויי שמות לייגטן אויף א מענטש בשעת מען מל'ט אים. ווען דער אייבערשטער האט געגעבן מצות ברית מילה פאר אברהם אבינו, שטייט אין פסוק (בראשית יז-א) וירא הוי"ה אל אברם, ויאמר אליו אני א-ל שד-י, דאס איז דער שם הוי"ה מיטן שם שד-י, וואס ווערן נתגלה ביי מצות מילה.

**ביז** ווילאנג מען היט זיך, און מען פירט זיך אויף ערליך, בלייבן די צוויי שמות אויפן מענטש. אז מען זינדיגט, גייען אוועק די צוויי שמות, און עס קומען צוויי שמות פון יענע זייט, שטן און ס"מ, די צוויי שמות זענען דעמאלטס שורה אויפן קינד. א יוד דארף זיך היטן, זיך פירן שטענדיג בקדושה. און אז מען פירט זיך בקדושה, זענען דא די שמות וואס זענען ארויפגעלייגט געווארן בשעת די ברית מילה, און עס בלייבט אויף אים שטענדיג.

**די** צוויי שמות באטרעפן צוזאמען דריי הונדערט און פערציג. שד-י איז דריי הונדערט און פערצן, שם הוי"ה איז זעקס און צוואנציג, צוזאמען איז דאס דריי הונדערט און פערציג, די מספר פון ש"ם. ווענן דעם וואונטשט מען אן, כש"ם שנכנס לברית, אזוי ווי ווען

על הטוב יזכר ידידינו מוה"ר **יואל הכהן רובין** הי"ו
אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים
לרגל נישואי בנו החתן **אהרן** ני"ו למזל טוב

מען איז אריינגעגאנגען לברית, האט ער דאך געהאט דעם ש"ם, די צוויי שמות פון הוי"ה מיט שד-י, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, עס זאל ח"ו נישט אוועק גיין, עס זאל בלייבן די שמות אויף שפעטער.

**עס** קען זיין אז דאס איז נכלל אין ברכת כהנים, אלע ברכות וואס איז שייך, איז נכלל אין ברכת כהנים. די ערשטע ברכה וואונטשט מען אן, א קינד ווען ער ווערט געבוירען, דארף ער דאך האבן די ערשטע ברכה, יברכך, דער אייבערשטער זאל דיך בענטשן, ה', עס זאל זיין אויף דיר דער שם הוי"ה. דער ה', דאס איז די ברכה. נאכדעם דארף מען א ברכה וישמרך, אז דער באשעפער זאל דיר געבן דעם כח, דו זאלסט קענען אפהיטן דעם שם הוי"ה, עס זאל נישט דארפן פון דיר אוועקגיין. עס איז דא א ברכה יברכך ה', און נאכדעם קומט די ברכה וישמרך, אז דער אייבערשטער זאל אפהיטן דו זאלסט קענען בלייבן מיט דעם שם. ושמו את שמי על בני ישראל, ווען יודען וועלן האבן דיביידע שמות, 'שמי' ווייזט דאך אויף דער שם הוי"ה מיט דעם שם שד-י, ואני אברכם. זאגט דער אייבערשטער דעמאלטס וועט זיין די ברכה.

## בסעודת שבע ברכות של בת הרה"ג רבי אלימלך שפיטצער שליט"א (מנהל רוחני דישיבה גדולה) עב"ג בן הר"ר חיים מאיר רובין הי"ו

שהתקיים בהיכל בית המדרש של הישיבה גדולה - יום ה' פרשת נשא ב' תשפ"ג לפ"ק

**עס** איז א חשיבות אטייל צונעמען ביי די שבע ברכות פון אונזער חשובען מנהל, וואס לייגט אריין אזויפיל צייט, און כח, און געזונט, לטובת פון די בחורים. דער חשוב'ער מחותן ר' חיים מאיר, וואס איז אליין א תלמיד דא פון די ישיבה מיט יארן צוריק. דער אייבערשטער זאל געבן, זיי זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה.

**די** וואך אין די פרשה איז די מצוה פון ברכת כהנים. כה תברכו את בני ישראל אמור להם, יברכך ה' וישמרך (במדבר ו-כג), עס איז דא א מצוה אז די כהנים דארפן בענטשן יודען. דער פסוק ענדיגט, ושמו את שמי על בני ישראל, זיי זאלן לייגן מיין נאמען אויף יודען, ואני אברכם, און איך וועל זיי בענטשן. אין רש"י איז דא צוויי פשטים וואס איז דער ואני אברכם. איינס זאגט רש"י, אז די כהנים זאגן די ברכה פון יברכך ה' וישמרך, אבער נישט זיי געבן די ברכה, נאר ואני אברכם, די ברכה קומט פונעם אייבערשטען. ווען זיי זאגן די ווערטער פון יברכך ה' וישמרך, טוט דער אייבערשטער בענטשן דעמאלטס יודען מיט די ברכה. עס שטייט אין רמב"ם (הל' תפלה טו-ז), א מענטש וועט זאגן, דער כהן איז א פשוט'ער כהן, און אמאל איז ער גאר א שוואכער יוד, און ער וועט מיך בענטשן. זיין ברכה איז עפעס חשוב, אז איך זאל געבענטשט ווערן דורך אים. זאגט די תורה, נישט ער בענטשט דיך, איך האב נאר געהייסן ער זאל זאגן די ווערטער, אבער ואני אברכם, איך בענטש. - מען איז אסאך מאל מזלזל אין א ברכת הדיוט וואס א מענטש גיט פאר יענעם, מען טאר נישט מזלזל זיין אין קיין שום ברכה. ווען מען מאכט א שמחה, דארף מען וואונטשן מזל טוב, און זאגן א ברכה, ווייל יעדע ברכה טוט פועל זיין אויבן. און אפילו ער וועט זאגן, וואס איז ווערד מיין ברכה וואס איך האב געגעבן. עס איז ואני אברכם, דער מענטש זאגט עס, און דער אייבערשטער גיט די ברכה.

**א** צווייטער פשט איז דא אין רש"י, ואני אברכם גייט ארויף אויף די כהנים. די כהנים געבן א ברכה פאר יודען, און ווער גיט די ברכה פאר די כהנים. ואני אברכם, איך באצאל פאר די כהנים אויף די ברכה וואס זיי בענטשן יודען, אז דער באשעפער בענטשט זיי. עס איז דא א ברכה פון ואברכה מברכך (בראשית יב-ג), ווען א מענטש גיט א ברכה פאר יענעם, עס איז נישט דו האסט געגעבן א ברכה פאר יענעם, נאר דו באקומסט. דער אייבערשטער גייט דיך בענטשן, ווייל דו האסט געגעבן א ברכה פאר א צווייטן. ואברכה, דער אייבערשטער בענטשט, מברכך, דער וואס בענטשט יענעם. די כהנים געבן אוועק זייער צייט לברך את ישראל, ואני אברכם, איך גיי ענק צוריק בענטשן, פאר די ברכה וואס עטץ האטס געגעבן.

**מען** ברענגט צו פונעם **חתם סופר**, אז דער חתם סופר האט געזאגט, אז ווען מען פלעגט אים צו בעטן ער זאל בענטשן, געבן א ברכה, האט ער קיינמאל נישט אפגעזאגט, און ער האט אייביג געבענטשט. און ער האט געזאגט, אז עס איז נישט דא אין דעם קיין יוהרא, א שטאלצקייט, איך בין א אדם חשוב, איך גיי בענטשן יענעם, ווייל איך טו עס נישט פאר יענעם, איך טו עס פאר מיר. ווען איך בענטש יענעם, איז דא א ברכה וואס דער אייבערשטער גיט צוריק, ואני אברכם, דער אייבערשטער בענטשט דעם וואס האט געגעבן די ברכה.

**און** דער אייבערשטער האט געגעבן די ברכה און ער האט געענדיגט ברכת כהנים, ושמו את שמי על בני ישראל, זיי זאלן לייגן מיין נאמען אויף יודען, ואני אברכם, און איך וועל זיי בענטשן. מען געפונט אין פרשת פנחס (במדבר כו-ה), ברענגט רש"י צו, אז ווען די תורה רעכנט אויס די אלע משפחות וואס זענען ארויסגעקומען פון מצרים, החנכי הפלאי, איז אלץ דא א ה"א אין אנהייב, און א יו"ד צום סוף, וואס דאס ווייזט אויפן שם י-ה. יודען זענען ארויס פון מצרים, ווער ווייסט וואס עס האט זיך אפגעטון דארט אין יודישע שטובער, צו עס איז געווען ערליכע קינדער צו נישט, אפשר האט מען זיך אויסגעמישט מיט די מצריים צוזאמען. האט דער אייבערשטער ארויפגעלייגט זיין נאמען, שבטי י-ה עדות לישראל (תהלים קכב-ד), דער אייבערשטער איז מעיד, אז יעדע משפחה איז געווען הייליג. שבטי י-ה, מען האט געלייגט א ה"א מיט א יו"ד אויף די שטובער, דאס איז א הייליגע שטוב.

**די** כהנים, נישט נאר וואס זיי דארפן בענטשן יודען, נאר די כהנים זענען דאך געווען פון שבט לוי, וואס עס שטייט אויף זיי (דברים לג-י) יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל, זיי דארפן צוגרייטן יודען אז זיי זאלן זיין אין אזא מדריגה, אז זיי זאלן קענען געבענטשט ווערן. ושמו את שמי על בני ישראל, זיי זאלן זעהן ארויפצולייגן, אז מיין נאמען דער החנוכי הפלאי, זאל קענען זיין אויף יעדע יודישע שטוב, וואס דער באשעפער איז חותם דערויף, אז דאס איז א הייליגע שטוב. ושמו את שמי על בני ישראל, ווען די כהנים וועלן ארויפלייגן מיין נאמען אויף די בני ישראל, אויף די קינדער פון יודען, אז עס איז החנוכי הפלאי, עס איז דא א שם וואס טוט מעיד זיין אויף זייער קדושה, שבטי י-ה עדות לישראל, ואני אברכם, וועל איך זיי בענטשן.

**און** דאס איז ביי יעדן זיווג, אז דער אייבערשטער העלפט, מען מאכט חתונה קינדער, און מען שטעלט אויף א נייע שטוב, איז די ברכה דערפון, אז עס זאל קענען זיין ושמו את שמי על בני ישראל, מען זאל קענען ארויפלייגן דעם אייבערשטן'ס נאמען אויף די בני ישראל, עס זאל געצויגן ווערן א הייליגע ערליכע שטוב. - דאס איז אין כלליות.

**אבער** אין יעדע יודישע שטוב אליין, איז אויך די זעלבע. די גמרא (סוטה יז.) זאגט, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, א מענטש איז זוכה, ער האט חתונה, ער שטעלט אויף אן ערליכע שטוב, איז דא השראת השכינה אין די שטוב. לא זכו, אז מען איז נישט זוכה, איז אש אוכלתן, ברענט א פייער אין שטוב. אש אוכלתן איז זייער גרינג צו פארשטיין, צוויי פרעמדע מענטשן אין פרצופיהן שוות, אין דיעותיהן שוות (תנחומא פנחס י), מען דארף זיך אויסקומען איינער מיטן צווייטן, און מען דארף האבן אסאך סייעתא דשמיא, אז מען זאל זיך פארשטיין איינער דעם צווייטן. און דאס איז ווען מען איז זוכה אז עס איז דא א השראת השכינה אין די שטוב. זכו שכינה שרויה ביניהם, די שכינה איז דארט, די שכינה טוט אלעס מסדר זיין, מען פארשטייט זיך איינער דעם אנדערן, עס איז דא חן איינער ביי דעם צווייטן.

**לא** זכו, אז מען איז נישט זוכה, אש אוכלתן. רש"י זאגט, אין 'איש' איז דא א יו"ד, אין 'אשה' איז דא א ה"א, דאס איז א רמז אויף די השראת השכינה וואס איז דא אין די שטוב. לא זכו, אז מען איז נישט זוכה, גייט אוועק די שכינה פון דארט, בלייבט אש מיט אש, עס בלייבט א פייער מיט א פייער, און מען קען זיך פארשטעלן ווי אזוי די שטוב זעהט אויס נאכדעם. - און דאס איז די ברכה וואס דער אייבערשטער בעהט, ושמו את שמי על בני ישראל, לייגטס ארויף מיין נאמען אז עס זאל זיין דארט על בני ישראל, עס זאל זיין דארטן דער יו"ד מיט די ה"א פון איש ואשה, און דעמאלטס וועט זיין ואני אברכם, וועל איך זיי בענטשן.

**לענינינו** קען מען צוגעבן. אונזער חשוב'ער מנהל האט פריער ארויסגעברענגט זיין תפקיד זיך אומצוקוקן אויף די בחורים פון די ישיבה. איך מעג עס ארויסברענגען לזכות, מען זאל נישט מיינען עס איז א

גרינגע דזשא״ב, עס איז זייער שווער! שטיין אויף יעדן איינעם, און נאכאמאל מעורר זיין אויף דעם און אויף יענעם. וויפיל עגמת נפש און חלישת הדעת עס גייט אדורך איבערן יאר. מען דארף קודם זיין א מנהל אז מען זאל עס קענען פארשטיין. מען פארשטייט עס נאכנישט, אפשר אמאל ווען מען וועט עלטער ווערן, וועט מען עס פארשטיין. אבער פון דעסטוועגן דאך, מען קוקט אויפן גרויסן זכות, מען וויל אויפשטעלן יודישע שטובער, מען וויל אז עס זאל זיין השראת השכינה אין זייערע שטובער, מען זאל זיך פירן ערליך. אז מען נוצט אויס די בחור׳ישע יארן מען זאל זיך פירן ערליך, לאזט עס איבער א רושם אויפן גאנץ לעבן שפעטער. עס ווערט אויפגעשטעלט א אנדערע סארט שטוב, פון א בחור א תלמיד חכם, און א בחור א ירא שמים, צו דאס פעלט.

**דאס** איז די עבודה פון די צוות הישיבה, אויסצולערנען ווי אזוי צו לערנען, אבער א גרויסן דגוש לייגן אויף די אלע זייטיגע זאכן, אויפצובויען א בחור מיט אלעם וואס ער דארף צו האבן. מען דארף דאך האבן אזויפיל סייעתא דשמיא אין די היינטיגע צייטן. מען זאל זיך קענען פירן פשוט ווי אן ערליכער בחור, עס איז פארבונדן מיט גרויסע נסיונות. מען דארף שטענדיג האבן חיזוק, יא, שפירן אז עס איז פאר דיין טובה, עס איז נישט מען מוטשעט דיך, מען זוכט נאר דיין טובה, מען זוכט נישט צו טשעפן, מען זוכט אויפצוהייבן. נישט אייביג שמעקט דער וועג ווי אזוי מען טוט עס, אבער דער ציל איז דאס. דער ציל איז, אויפצוהייבן, מען זאל זיך פירן ערליך.

**און** דאס איז די עבודת הקודש פון שבט לוי, אז זיי זאלן ארויפלייגן דעם אייבערשטען׳ס נאמען על בני ישראל, לייגטס ארויף דעם אייבערשטען׳ס נאמען אויף די קינדער, אז עס זאל זיין א השראת השכינה ביי זיי אין שטוב. און דאס זענען מקיים די אלע וואס געבן זיך אפ מיט הרבצת התורה, ושמו את שמי, זיי נעמען דעם אייבערשטען׳ס נאמען, און זיי לייגן עס ארויף אויף בני ישראל. יודישע קינדער, בני ישראל, ווילאנג מען איז נאך יונג, מען איז נאך א ׳בן׳, מען דארף זיך אנהייבן צוזאמצוקלויבן זיך אויסשטעלן צו קענען זיין אן ערליכער יוד, איז זייער תפקיד אז זיי זאלן ארויפלייגן דעם אייבערשטען׳ס נאמען אויף די בני ישראל.

**זאגט** דער אייבערשטער, דו וועסט דאך מיינען אז דו געבסט אוועק צייט מיט כח דערפאר, און דו וועסט עפעס שאדן האבן דערויף. ואני אברכם, איך וועל בענטשן די כהנים, די וואס געבן אוועק צייט פאר אנדערע, זיי זאלן זעהן אויפצוארבעטן אז עס זאל זיין אז די יודישע קינדער זאלן האבן אויף זיך דעם שם ה׳ נקרא עליך ויראו ממך, ואני אברכם, וועט זיי דער אייבערשטער בענטשן.

**וויל** איך וואונטשן פארן חשוב׳ן מנהל ער זאל קענען ווייטער אויך אנגיין מיט זיין ארבעט מיט זיין עבודת הקודש, מקיים זיין דעם ושמו את שמי על בני ישראל, ארויפלייגן דעם אייבערשטען׳ס נאמען אויף זרע קודש פון יודישע קינדער. ער זאל קענען ווייטער אויך זעהן שמחות און נחת, ביי דעם קינד און אלע קינדער. דער חשוב׳ער מחותן ר׳ חיים מאיר, וואס זיצט אזויפיל יארן און לערנט תורה מתוך התמדה, זאל אים דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, ער זאל קענען ממשיך זיין צו זיצן באהלה של תורה, מתוך שמחה ונחת.

**און** א ברכה פאר די בחורים, מען ווערט נישט יונגער, מען ווערט יעדן טאג מיט א טאג עלטער, און דער אייבערשטער זאל העלפן אי״ה, אט אט דארף דאך יעדער פון ענק אויפשטעלן יודישע שטובער. אין די קורצע צייט וואס מען איז נאך אין די ישיבה, דארף מען זיך אויסשטעלן אויף דעם וועג, אז מען זאל קענען אויפשטעלן שפעטער א יודישע שטוב, ער זאל קענען זיין א פרי תפארת. ארבעטן אויף די מידות, קענען זיך אויסקומען איינער מיטן צווייטן, קענען פארברענגען איינער מיטן אנדערן. כדי ווען מען וועט חתונה האבן זאל מען קענען צוזאמען אויפשטעלן א שיינע ערליכע שטוב, איז אסאך תלוי ווי אזוי מען האט זיך צוגעגרייט דערצו. דאס קומט נישט פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט, מיט דעם וואס מען געוואוינט זיך צו לעבן מיט בחורים צוזאמען, מיט אן אהבה ואחוה, מיט שלום וריעות, ארויסהעלפן זיך איינער פארן אנדערן, דאס גיט די כוחות שפעטער, אז מען זאל קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל. זאל דער אייבערשטער צושיקן פאר אלע אי״ה זיווגים הגונים, ווען עס קומט די צייט, זוכה זיין אויסצונוצן דאס לעבן פאר תורה און עבודת ה׳. וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.